NEW YORK STATE
OFFICE OF CHILDREN AND FAMILY SERVICES

# אדאפטירונג סאבסידי ווערטערבוך

**אדאפטירונג סאבסידי און נישט-אנגייענדע אדאפטירונג אויסגאבן אפמאך (LDSS-4623A):** דאס איז א לעגאלע קאנטראקט פאר באצאלונג צווישן די אדאפטירנדע עלטערן און די לאקאלע דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס (department of social services) אדער די ניו יארק סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס ( New York State Office of Children and Family Services, OCFS). די לעגאלע קאנטראקט מוז זיין אויף די באשטעטיגטע פארם און איז נישט אפעקטיוו ביז די דאטום וואס שטייט אויף די פארם. אלע געפאדערטע אונטערשריפטן מוזן זיין אויף די דאקומענט. **עס איז זייער וויכטיג פאר אדאפטירנדע עלטערן צו האלטן א קאפיע פון די ענדגילטיגע באשטעטיגטע אדאפירונג סאבסידי און נישט-איבערגייענדע אדאפטירונג אויסגאבן אפמאך אין א פארזיכערטע און צוגענגליכע ארט פאר גרינגע צוטריט דורכאויס די לעבנס-צייט פון די קאנטראקט.**

**אדאפטיווע פלאצירונג:** א קינד איז פלאצירט געווארן אין א היים פארן ציל פון אדאפטירונג, און די אגענטור און די קינד'ס מעגליכע אדאפטירנדע עלטערן האבן אונטערגעשריבן אן אדאפטיווע פלאצירונג אפמאך ( Adoptive Placement Agreement, APA). די פאקטן פון אזא APA, זענען רעקארדירט געווארן אונטער די סאושעל סערוויסעס געזעץ.

**באשטעטיגטע סאבסידי:** אן אדאפטירונג סאבסידי און נישט-איבערגייענדע אדאפטירונג אויסגאבן אפמאך וואס איז אונטערגעשריבן דורך די מעגליכע אדער אדאפטיווע עלטערן, די לאקאלע דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס באאמטע, און די ניו יארק סטעיט אדאפטירונג סערוויסעס (New York State Adoption Services, NYSAS) באאמטע ווערט גערעכנט אלס באשטעטיגט.

**באשטעטיגטע אדאפטיווע עלטערן:** דער מענטש(ן) באשטעטיגט דורך א לאקאלע דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס, אן אויטאריזירטע פרייוויליגע אגענטור, אדער א געריכט צו אדאפטירן א קינד.

**אודיט ווערדיג:** אלע אויסגאבן פון פאבליק געלטער זענען אויסגעשטעלט צו אודיט אדער איבערזיכטן צו באשטימען אז די אויסגאבן זענען געמאכט געווארן אין איינקלאנג צו די געזעצן און רעגולאציעס איבער זייער באנוץ. אודיטס ווערן אויך אדורכגעפירט צו באשטימען אויב פראגראם אפעראציעס זענען אין אויספאלג מיט געזעצן און רעגולאציעס. אדאפטירונג סאבסידי באשטעטיגונגען און פראגראם אפעראציעס קענען ווערן גע'אודיט דורך לאקאלע, קאונטי, סטעיט, און פעדעראלע באאמטע אדער פירמעס אויפגענומען דורך די פיסקעל און פראגראמאטישע איבערזיכטן. פאזיטיווע אודיט רעזולטאטן באשטעטיגן אז פאבליק געלטער ווערן גענוצט ווי ערלויבט. אומ-אויטאריזירטע אויסגאבן זענען אויסגעשטעלט צו צוריקבאצאלונג און מעגליכע ווייטערדיגע שטראפן.

**דאקומענטאציע:** געזעצן און פאליסי פאדערן אז אדאפטירונג סאבסידי אפמאכן פאר באגרעניצטע סאבסידיס האבן א דאקומענט פון א דאקטער, פסיכאלאג, פסיכיאטער אדער "קוואליפיצירטע פראפעסיאנאל" וואס נעמט אריין א דיאגנאז אדער שאצונג פון א קינד'ס פיזישע, גייסטישע אדער עמאושאנעל צושטאנד אדער דיסאביליטי וואס קען שטעלן א ערנסטע שטערונג צו די קינד'ס אדאפטירונג.

**גילטיגע דאטום:** די אפעקטיווע דאטום איז די דאטום באצאלונג וואס די אדאפטירונג סאבסידי דארף זיך אנהויבן. מעינטענענס סאבסידי וועט געוועגליך זיך נישט אנהויבן ביז ווען אן אדאפטירונג ווערט ענדגילטיג באשטעטיגט פאר א קינד אונטער די גארדיענשיפ און קאסטאדי פון א סאושעל סערוויסעס באאמטער.

**ענדגילטיגע באשטעטיגונג:** אן אדאפטירונג סאבסידי און נישט-איבערגייענדע אדאפטירונג אויסגאבן אפמאך מוז ווערן איבערגעקוקט און אונטערגעשריבן דורך די NYSAS באאמטער אדער די באאמטער אויטאריזירט דורך NYSAS צו ענדיגן די לעצטע שריט אין די איבערזיכט פראצעס.

**פאסטער קעיר באורד ראטע:** דאס איז די סומע באצאלט צו פאסטער עלטערן אדער צו א מעגליכע אדאפטיווע עלטערן פאר מעינטענענס פון קינד(ער) אין די גארדיענשיפ און קאסטודי פון א סאושעל סערוויסעס באאמטער אדער א פרייוויליגע אויטאריזירטע אגענטור. די פאסטער קעיר באורד ראטע איז באזירט אויף די געברויכן פון די קינד איז באשטימט אלס געהעריגע/נארמאלע(איינפאכע) ספעציעלע אדער אויסערגעוועגליך ווי ערקלערט אין רעגולאציעס.

**באגרעניצטע קינד:** באגרעניצטע קינד מיינט א קינד וואס פארמאגט א ספעציפישע פיזישע, גייסטישע, אדער עמאציאנאלע פראבלעם אדער דיסאביליטי פון א סארט אדער ערנסטקייט, אז לויט די מיינונג פון די אפיס, וועט עס באדייטן אן ערנסטע שטערונג פאר דאס קינד'ס אדאפטירונג.

**שווער-צו-פלאצירן קינד:** א קינד וואס איז נישט א באגרעניצטע קינד וואס איז נישט פלאצירט געווארן פאר אדאפטירונג ביז זעקס מאנאטן נאכ'ן ווערן באפרייט אדער פלאצירט ביז זעקס מאנאטן פאר אן אדאפטירונג שטערונג. א קינד קען אויף נאכקומען בארעכטיגונג פאר שווער-צו-פלאצירן אויב ער/זי איז פלאצירט געווארן פאר א ספעציפישע לענג פון צייט איידער אונטערשרייבן די אדאפטיווע פלאצירונג אפמאך אדער וואס קומט נאך געוויסע עלטער, געשוויסטער גרופע, אדער אנדערע פאדערונגען.

**לעגאלע גארדיענשיפ/קאסטאדיענס:** לעגאלע גארדיען/קאסטאדיען באדייט א געריכט באשטימטער קאסטאדיען אדער גארדיען נאכפאלגענדיג די טויט פון אן אדאפטירנדע עלטערן. אפליקאציע צו טוישן א באצאלער מוז ווערן ארייגעגעבן צו ניו יארק סטעיט אדאפטירונג סערוויסעס (New York State Adoption Services) פאר איבערזיכט און באשטעטיגונג נוצנדיג פארם **LDSS-4623C-2.**

**מעדיצינישע הילף (Medical Assistance, MA/Medicaid):** דאס איז מעדיצינישע דעקונג פאר א קינד וואס איז אדער טיטל IV-E בארעכטיגט אדער וואס איז נישט טיטל IV-E בארעכטיגט אבער וואס איז בארעכטיגט אונטער די געזעצן פון די פעדעראלע צאמגעשטעלטע אמניבוס בודזשעט רעקאנסיליעישין אקט ( Consolidated Omnibus Budget Reconciliation Act, COBRA) פון 1985 איידע די ענדגילטיגע באשטעטיגונג.

**מעדיצינישע סאבסידי:** דאס איז א מעדיצינישע צוריקבאצאלונג פאר אן אדאפטירטע קינד(ער) וואס איז נישט בארעכטיגט פאר Medicaid (זע אויבן). די פראגראם פאדערט אז אדאפטיווע עלטערן זאלן צאלן פאר זיין/איר קינד'ס מעדיצינישע אויסגאבן און ארייגעבן קלאגעס פאר צוריקבאצאלונגען צו די לאקאלע דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס. צוריקבאצאלונג באצאלונגען ווערן געמאכט דורך די לאקאלע דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס און וועט נישט איבערשטייגן די סקעדזשועלס פון באצאלונגען פאר אזעלכע קעיר, סערוויסעס, און געצייג וואס איז אוועילעבל אונטער ניו יארק סטעיט'ס מעדיצינישע הילף פראגראם. מעדיצינישע סאבסידי קען גענוצט ווערן צו צאלן פאר בארעכטיגטע אויסגאבן נישט געדעקט דורך אנדערע אינשורענס וואס די אדאפטיווע עלטערן פארמאגן.

**נישט-איבערגייענדע אדאפטירונג אויסגאבן:** נישט-איבערגייענדע אדאפטירונג אויסגאבן זענען לאגישע איינמאליגע אויסגאבן פארבינדן צו ענדיגן די אדאפטירונג פון א קינד מיט ספעציעלע געברויכן. די אדאפטירונג סאבסידי און נישט-איבערגייענדע אדאפטירונג אויסגאבן אפמאך מוז ווערן באשטעטיגט איידער ענדיגן די אדאפטירונג כדי אז בארעכטיגטע קינדער זאלן זיין בארעכטיגט. די אויסגאבן ווערן צוריקגעצאלט נאך די קינד'ס אדאפטירונג ווערט ענדגילטיג באשטעטיגט און טאר נישט זיין מער ווי די מאקסימום שטאפל וואס איז באשטימט געווארן דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פאר קינדער און פאמיליע סערוויסעס. ריסיטס אדער אנדערע פאסיגע שטיצנדע דאקומענטן מוזן ווערן ארייגעגעבן ביז צוויי יאר פון ענדיגן די אדאפטירונג צו די לאקאלע סאושעל סערוויסעס דעפארטמענט האבנדיג קאסטודי פון די קינד איידער ענדיגן די פראצעס. נישט אלע ספעציעלע געברויכן קינדער זענען בארעכטיגט פאר נישט-איבערגייענדע אדאפטירונג אויסגאבן.

**נאכן ענדיגן אדאפטירונג אפליקאציע:** דאס איז שריפטליכע פארלאנג **(LDSS-4623B)** פאר אדאפטירונג סאבסידי פאר א קינד וואס איז געווען אין די גארדיענשיפ פון די קאמישאנער פון סאושעל סערוויסעס דעפארטמענט אדער א פרייוויליגע אוטאריזירטע אגענטור וואס די אדאפטירונג איז געענדיגט געווארן אן א סאבסידי. אדאפטיווע עלטערן קענען פארלאנגען סאבסידי פאר אן אנגייענדע אומשטאנד וואס די אדאפטיווע עלטערן האבן ערשט אויסגעפונען נאכ'ן ענדיגן די אדאפטירונג פראצעס און א דאקטער האט באשטעטיגט אז די אומשטאנד איז שוין געווען אנוועזנד איידער דאס קינד'ס אדאפטירונג אדער א יושר'דיגע הירינג האט געאורטיילט אז די קינד איז בארעכטיגט צו אדאפטירונג סאבסידי.

**קוואליפיצירטע פראפעסיאנאלן:** א קוואליפירטע פראפעסיאנאל איז א ניו יארק סטעיט לייסענס'ט נורס פראקטישאנער אדער דאקטער'ס געהילף אדער א פראפעסיאנאלע שטאב מיטגליד פון די אפיס פון גייסטישע שטערונגען און אנטוויקלונג דיסאביליטיס (OMRDD), די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט ( Office of Mental Retardation and Developmental Disabilities, OMRDD), אדער די סאושעל סעקיוריטי אדמיניסטראציע ( Social Security Administration, SSA) וואס קומט נאך די קרעדענשעלס געפאדערט דורך זיין אדער איר ארגאניזאציע צו מאכן א שאצונג אדער דיאגנאז פון א קינד'ס אומשטאנד אדער בארעכטיגונג פאר סערוויסעס. דאקומענטן פון א קוואליפיצירטע פראפעסיאנאל איז בלויז בארעכטיגט פאר געוויסע אפליקאציעס.

**רעגולאציעס:** באדייט די פעדעראלע און סטעיט מאנדאטן איבער די אדאפטירונג סאבסידי פראגראם אין ניו יארק סטעיט.

**פארשטייער אדער אדאפטיווע באצאלער:** די אדאפטיווע באצאלער (יארגאנג 21-18) אדער פארשטייער באצאלער באדייט א מענטש אויפגענומען צו באקומען די סאבסידי באצאלונג דורך די סאושעל סערוויסעס דיסטריקט נאכפאלגענדיג די טויט פון די אדאפטיווע עלטערן. אפליקאציע צו טוישן א באצאלער מוז ווערן ארייגעגעבן צו ניו יארק סטעיט אדאפטירונג סערוויסעס פאר איבערזיכט און באשטעטיגונג נוצנדיג פארם **LDSS-4623C-2.**

**סאבסידי מעינטענענס באצאלונג:** דאס איז די מאנאטליכע אדאפטירונג באצאלונג געמאכט צו די עלטערן אדער אנדערע אוטאריזירטער באצאלער פאר די קעיר פון א ספעציעלע געברויכן קינד(ער) וואס דארף ווערן אדער וואס איז געוואורן אדאפטירט ווי אוטאריזירט אין די באשטעטיגטע אדאפטירונג סאבסידי און נישט-איבערגייענדע אדאפטירונג אויסגאבן אפמאך. די מעינטענענס באצאלונג ראטע איז באזיכט אויף די פאסטער קעיר באורד ראטע פון א לאקאלע דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס. די ראטע שטאפל קען זיין איינפאך, ספעציעל, אדער אויסערגעוועגליך וועגדנדיג זיך אין א מענטש'ס דאקומענטירטע נויט. ראטעס קענען זיין אפעקטירט דורך די עלטער פונעם קינד, די אדרעס פון די אדאפטיווע עלטערן, אדער עלטערן איינקונפט און מאס פון פאמיליע.

**טעכנישע אמענדמענט:** דאס איז א שריפטליכע פארלאנג (**LDSS-4623C-1**) פאר ענדערונגען צו די באשטעטיגטע אפמאך נאכ'ן פארענדיגן די פראצעס. טעכנישע אמענדמענט פאדערט נישט א טויש אין די שטאפל פון באצאלונג. די פאלגנדע ענדערונגען זענען געדעקט אונטער די טעכנישע אמענדמענט;

- צוגאב פון נאך אן אדאפטיווע עלטערן צו די אפמאך ווען די אדאפטיווע קינד איז אדאפטירט דורך א צווייטע-עלטערן, **אדער**
- טוישן די נאמען פון די אדאפטיווע עלטערן אויף די אפמאך צוליב א טויש אין הייראט סטאטוס אדער
- טוישן די נאמען פון די לעגאלע גארדיען אדער קאסטאדיען, אדער פארשטייער באצאלער צוליב א טויש אין הייראט סטאטוס.

**אפגרעיד אדער באדייטנדע אמענדמענט:** אן אפגרעיד אדער באדייטנדע אמענדמענט איז א שריפטליכע פארלאנג (**LDSS-4623C-2**) נאך ענדיגן די אדאפטירונג פראצעס פאר א טויש פון די סאבסידי ראטע אדער בארעכטיגונג. אן אפגרעיד ווערט אריינגעגעבן פאר;

- א פארערגערונג פון א פראבלעם באקאנט צום עלטערן אין צייט פון אדאפטירונג, אדער דאס אנטוויקלונג פון א באגרעניצטע פראבלעם וואס שטייט נישט אין די אריגינעלע אפמאך און יעצטיגע דאקומענטן שטיצן די העכערע ראטע וואס ווערט פארלאנגט.

**א באדייטנדע אמענדמענט ווערט אריינגעגעבן כדי צו:**

- צולייגן א לעגאלע גארדיען אדער קאסטאדיען, אדאפטי אדער פארשטייער באצאלער נאכ'ן טויט פון אן אדאפטירנדע עלטערן
- מאכן א טויש צוליב די באדינגונגען אין געזעץ אדער רעגולאציע וואס האט א ווירקונג אויף די קינד'ס סאבסידי בארעכטיגונג אדער
- אויספאלגן א יושר'דיגע הירינג באשלוס.

**באמערקונג:** פאר קינדער אריינגעגעבן דירעקט צו א ניו יארק סטעיט אוטאריזירטע פרייוויליגע אגענטור קען די פראצעס זיין אנדערש.
פארבינדט זיך מיט ניו יארק סטעיט אדאפטירונג סערוויסעס (New York State Adoption Services) **אויף 1-800-345-5437** פאר נאך אינפארמאציע.